געווען מיט זיי, און אַ גרויסע צאָל האָבן געגלויבט
2 און זיך געקערט צום האַר. און די זאַך וועגן
זיי איז געהערט געוואָרן אין די אויערן פֿון דער
קהילה, וועלכע איז געווען אין ירושלים, און
זיי האָבן אַרויסגעשיקט בר־נבֿאן קיין אַנטיאָכיען;
3 וועלכער האָט זיך געפֿריידט, ווען ער איז אַהינ־
געקומען און געזען דעם חסד פֿון ג־ט; און
האָט אַלעמען מזהיר געווען, זיך צו באַהעפֿטן
4 צום האַר מיט אַן אַנטשלאָסן האַרץ; ווייל ער איז
געווען אַן איש טוב און אָנגעפֿילט מיט דעם רוח
הקודש און מיט אמונה; און אַן אָנגעזעענער המון
מענטשן האָט זיך אונטערטעניק געמאַכט צום האַר.
5 און ער איז אַרויסגעגאַנגען קיין טאַרסוס אויפֿ־
6 צוזוכן שאולן; און געפֿינענדיק אים, האָט ער
אים אַוועקגעפֿירט קיין אַנטיאָכיען. און עס איז
געשען, במשך פֿון אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי זיך פֿאַר־
זאַמלט אין דער קהילה און געלערנט אַ גרויסן
עולם מענטשן; און צוערשט אין אַנטיאָכיען האָט
מען די תלמידים גערופֿן משיחיים.
27 אין די דאָזיקע טעג זענען אַראָפּגעקומען נביאים
8 פֿון ירושלים קיין אַנטיאָכיען. און איינער פֿון זיי
מיטן נאָמען אַגאַבֿוס איז אויפֿגעשטאַנען און האָט
געוויזן דורך דעם רוח הקודש, אַז עס וועט זיין אַ
גרויסער הונגער אין דער גאַנצער וועלט; וואָס
9 איז געקומען אין די טעג פֿון קלוידיוס. און די
תלמידים האָבן באַשלאָסן, אַז יעדער איינער פֿון
זיי, לויט זיינע מעגלעכקייטן, זאָל שיקן צו דער
אונטערשטיצונג פֿון די ברידער, וועלכע וואוינען
30 אין יהודה. דאָס האָבן זיי אויך געטון, שיקנדיק עס
צו די זקנים דורך דער האַנט פֿון בר־נבֿא און שאול.